# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 9 • דאנערשטאג, ט' כסלו תשפ"ז • 19טן נאוועמבער 2026 • פרשת ויצא

וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה

בראשית כח, יב

**אין דעם נומער**

**מיט א טיפערן בליק**
פרישער • לכבוד שבת

**מעשר געלט**
הלכה־שמועס פון היידפארק

**י"ד בסלו תרב"ט**
חקרן • אנשי שם

**די סימנים פון רחל**
א שמועס אויף דער סדרה

**חלומות השוא ידברו**
נהורא נפישא • תורה און וויסנשאפט

**ויחלום והנה סולם**
פליקער • הומאר

ארכיוו

נומער 9 • דאנערשטאג, ט' כסלו תשפ"ז
19טן נאוועמבער 2026 • פרשת ויצא

הקדמה

# א סולם אויפן וועג

טייערע לייענער,

פרשת ויצא הייבט זיך אן מיט א מענטש אליין אויפן וועג. יעקב אבינו גייט ארויס פון באר שבע, די זון גייט אונטער, ער לייגט זיך אוועק אויף א שטיין – און חלומט פון א סולם וואס שטייט אויף דער ערד און וואס זיין שפיץ דערגרייכט דעם הימל. דער נומער גייט מיט אים.

דער הויפט־ארטיקל, „מיט א טיפערן בליק“, פרעגט פארוואס יעקב, וואס האט אריבערגעטראגן אזויפיל צרות מיט רואיגקייט, האט זיך נאר צוויי מאל אויפגערעגט – אויף רחל און אויף לבן – און ענטפערט מיט א משל פון א יונגן באס־דרייווער וואס האט געוואלט פארן אויף זיין אייגענעם וועג. אין „שמועסן אויף דער סדרה“ פרעגט קרעמער אויף דער היימישער קרעטשמע וואס זענען געווען די סימנים וואס יעקב האט אפגעשמועסט מיט רחל. און לכבוד „עשר אעשרנו לך“ טענהן זיך די חברים פון היידפארק איבער מעשר געלט: פון חתונה־געלט, פון א שווער'ס מתנה און פון א מי שברך.

„נהורא נפישא“ שרייבט וועגן חלומות – פון דער גמרא אין ברכות ביזן רמב"ם און פרויד. צום יארצייט פונעם טשיפענעשטער צדיק, י"ד כסלו, ברענגען מיר א פרק פון „חקרן“'ס סעריע איבער דעם רבי'ן פון ליעוווע: די פטירה פון ר' מנחם נחום, און וואס עס איז געשען אין שטוב פון זיין ברודער גלייך דערנאך. און פאר א שמייכל דערמאנט זיך „פליקער“ אין די סולמ'ס וואס מען האט אמאל געמאלן און געביטן אין חדר יעדע פרשת ויצא.

ווי שטענדיג: היינט מיט . . . יאר צוריק, די יארצייטן פון דער וואך, פערל פון די ארכיוון און די תגובה פון דער וואך. אלע שטיקלעך זענען אויסגעקליבן און מגיה געווען; די פולע מקורות געפינט איר אויף דער לעצטער זייט.

א גוטן שבת!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער

| | | |
|---|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | מיט א טיפערן בליק: „צא ולמד מה בקש לבן“ • פרישער | **3** |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | שאלות אויף פרשת ויצא: די סימנים פון רחל, און וועמענס אויגן זענען געווען פארוויינט? • קרעמער און די חברים פון דער „היימישער קרעטשמע“ | **6** |
| **הלכה־שמועס** | מעשר געלט: פון חתונה־געלט, פון א שווער'ס מתנה, און פון א מי שברך • jewboy, שמעק_טאביק, באראפארקער, KJAlliance און אנדערע | **8** |
| **תורה און וויסנשאפט** | חלומות השוא ידברו • נהורא נפישא | **12** |
| **אנשי שם • צום יארצייט, י"ד כסלו** | י"ד כסלו תרכ"ט: ווען בית רוזשין האט געכאפט דעם קלאפ • חקרן | **14** |
| **לוח** | יארצייטן פון דער וואך • כינר1 | **17** |
| **הומאר** | ויחלום והנה סולם • פליקער, ברסלבער, ציבעלע־קיגל און berlbalaguleh | **19** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **21** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • אינגערמאן | **23** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **23** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **25** |

לכבוד שבת קודש

# מיט א טיפערן בליק: „צא ולמד מה בקש לבן“

פארוואס האט יעקב אבינו, וואס האט אריבערגעטראגן אזויפיל נסיונות מיט רואיגקייט, זיך אויפגערעגט נאר אויף רחל און אויף לבן? א דבר תורה אויף דער סדרה, מיט א משל פון א יונגן באס־דרייווער.

פון **פרישער** • פון דעם גליון „מיט א טיפערן בליק“, ארויפגעלייגט מיט רשות • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „מיט א טיפערן בליק“ • 7טן נאוועמבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5156.html#p161495

א גוטן, טייערע חבירים וידידים!

לעצטע וואך האבן מיר געזען וואס יעקב אבינו לערנט אונז אז ווען עס קומט צו דעם חלק פון 'סור מרע' ווי אזוי מען דארף זיך פירן מיטן יצר, מיר האבן געזען ווי דער מענטש דארף כסדר אויסשפילן דעם יצר הרע און אים גוט אויספאפן עם עקש תתפתל, די וואך אין דער פרשה זען מיר די צווייטע זייט פון יעקב'ס עבודת ה' די 'עשה טוב', יעקב אבינו אפילו ער איז געווען א געוואלדיגער חכם און גוט פארשטאנען וויאזוי זיך אומצוגיין מיטן חלק הרע און כסדר מיט א טיפערע קלוגשאפט זיך אן עצה געגעבן דאך אבער ווען עס קומט צו טוען גוטס, צו טוען דעם רצון השם איז ער אן איש תם יושב אוהלים און לעבט דאס וואס די תוה"ק באפעלט אונז תמים תהיה עם ה' אלוקיך התהלך עמו בתמימות ס'איז נישט דא קיין שום חשבונות און קרומקייטן, דאס וואס השי"ת הייסט טוט מען און נישט סתם געטוען, נאר בשמחה רבה אן קיין ספיקות ווי מיר זען אין דער וואכעדיגער פרשה.

אונזער טאטע יעקב האט נישט געהאט קיין גרינג לעבן, דא דארף ער אנטלויפן פון אינדערהיים ווייל זיין ברידער וויל אים הרגנ'ענען, דערנאך ווערט ער בארויבט דורך אליפז און בלייבט איבער נאר מיטן שטעקן, כי במקלי עברתי את הירדן, דערנאך איז ער אריבער 20 שווערע יאר ביים שווער לבן וואס האט אים אונטערגעשטעלט פיסלעך אויף טריט און שריט, אים חתונה געמאכט מיט לאה ווען ער האט געוואלט חתונה האבן מיט רחל, יעקב האט אריינגעארבעט אין היצן און אין קעלט בייטאג און ביי נאכט, דערנאך קומט זיין ברודער עשו נקמה נעמען אין אים, א שטיק צייט שפעטער האט מען פארכאפט דינה אין שכם, יוסף ווערט פארלוירן וכו' וכו', פונדעסטוועגן ביי די אלע שוועריקייטן און נסיונות האט ער זיך קיינמאל נישט פארלוירן, נאר אייביג זיך געפירט מיטן גרעסטן מאס רואיגקייט, חוץ ביי צוויי פלעצער ווי עס קוקט אויס ווי יעקב האט זיך ח"ו פארלוירן און זיך אויפגערעגט: איינס ווען רחל האט אים געבעטן פאר קינדער: ותרא רחל כי לא ילדה ליעקב ותקנא רחל באחתה ותאמר אל יעקב הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי, ויחר אף יעקב ברחל ויאמר התחת אלקים אנכי אשר מנע ממך פרי בטן - און רחל האט געזען אז זי האט נישט געבוירן קיין קינדער צו יעקב, און רחל האט מקנא געווען איר שוועסטער און געזאגט (פאר יעקב) געב מיר קינדער ווייל אויב נישט בין איך א טויטער, יעקב האט זיך אויפגערעגט אויף רחל און געזאגט, בין איך דען אנשטאט השי"ת וואס האלט דיר צוריק פון האבן קינדער?!

און די צווייטע געפינען מיר שפעטער אין דער פרשה ווען לבן האט צו אים טענות פארוואס ער איז אוועקגעלאפן זאגט די פסוק: ויחר ליעקב וירב בלבן ויען יעקב ויאמר ללבן מה פשעי מה חטאתי כי דלקת אחרי - יעקב האט זיך אויפגערעגט און האט זיך געקריגט מיט לבן, יעקב האט צוריק געענטפערט און געזאגט, וואס איז מיין זינד אז דו לויפסט מיך אזוי נאך? דארפן מיר פארשטיין וואס איז דא געווען אזוי אויסטערליש ביי די צוויי מעשיות פון רחל און לבן וואס מיר טרעפן אז יעקב האט זיך אויפגערעגט?

אין דעם נוסח פון דער הגדה של פסח געפינען מיר צא ולמד מה בקש לבן הארמי לעשות ליעקב אבינו... ולבן בקש לעקור את הכל שנאמר ארמי אבד אבי - גיי געב א קוק וואס דער לבן הארמי האט געוואלט טוען צו יעקב אבינו, ווי ער האט אים געוואלט אויסרייסן. אזוי אויך געפינען מיר אין פרשת כי תבוא ווי די תוה"ק זאגט אונז אז ווען א איד ברענגט ביכורים דארף ער דאנקען און לויבן השי"ת אויף די אלע חסדים וואס ער טוט מיט אים, דער איד דארף ארויסברענגען מיט לויב ווערטער און פארציילן די גאנצע השתלשלות וויאזוי מיר אידישע קינדער זענען אנגעקומען צום הייליג לאנד און צום בית המקדש אנגעפאנגען מיט דער פאסירונג פון יעקב אבינו מיט לבן, און ווייטער ווי מיר האבן אראפגענידערט קיין לאנד מצרים און השי"ת האט אונז אויסגעלייזט פון דארט ביד חזקה און אונז געברענגט קיין ארץ ישראל... פרעגט זיך, מילא דאס אז מיר דארפן ארויסברענגען און דאנקען השי"ת מיטן סיפור יציאת מצרים פארשטייט זיך ווייל דארט ברענגט א איד ארויס אז מיר זענען געווען קנעכט צו פרעה הרשע און השי"ת האט אונז ארויס גענומען פון דארט כדי מיר זאלן זיין צו אים פאר א פאלק, צו קענען טוען און לעבן תורה

ומצוות וכו', אבער ווי קומט צו פארציילן איבער דעם ארמי אובד אבי?

## עס העלפט נישט קיין חכמות ווען השי"ת האט א פלאן

*

ווער געדענקט נישט לייבעלע ווי פון אלץ קליין קינד פלעגט ער שטענדיג רעדן טראכטן און חלומ'ען פון דרייווען א באס, יעצט זייענדיג שוין עטליכע יאר נאך דער חתונה האט ער בחסדי ה' באקומען זיין לייסענס, און יא, ס'גלייבט זיך נישט אבער ער קען שוין ווירקליך דרייוון א באס, זיין חלום איז מקוים געווארן, און דא שטייט ער היינטביים ארייננגאנג צום הויפט-קווארטיר פון דער שטאטישער באס פירמע, אט גייט ער אריין גיין זיך איינשרייבן פאר א פאסטן, מיט א הייסע תפילה אז ער זאל נושא חן זיין קלאפט ער אויפן טיר.

אריין קומענדיג באגעגנט ער זיך מיטן הויפט מענעדזשער, נאכן אויספילן עטליכע פאפירן זאגט ער אים, מיר נויטיגן זיך יעצט וויכטיג אין עטליכע דרייווערס און אויב ביסטו גרייט ביזטו שוין געהייערט... לייבעלע טאנצט פאר פרייד, ער ווייסט נישט וואס צו טוען מיט זיך, ווער האט געגלייבט?! זיי גייען אראפ צום פארקינג לאט, דער מענעדזשער מאכט אים אויף די טירן פון איינע פון די גרויסע שיינע באסעס און געבט אים א מאפע וועלכע גאסן ער דארף פארן און זאגט אים אן אלע פונקטליכע אנווייזונגען און וואונטשט אים אן הצלחה.

נאך א קורצע טרענירונג פארט לייבעלע ארויס מיטן גרויסן שיינעם באס, זיין פנים שיינט פאר שמחה, אבער אזוי ווי ער קומט אן צום דריטן באס סטאפ זעט ער אז ס'איז ליידיג, ער ווערט אביסל נערוועז וואס גייט דא פאר?! נישט פון דעם האב איך גערעדט, איך וויל דרייוון א באס געפאקט מיט מענטשן און זיי טראגן צו זייער באשטימטע דעסטינאציע, נישט אזעלכע ליידיגע באסעס. אזוי פארט ער ווייטער און ווייטער און גארנישט, קיינער קומט נישט ארויף. ענדליך ביי איין סטאנציע ווארטן צוויי עלטערע מענטשן, אבער זיי פארן אויך נאר איין סטאפ, אזוי ווערט ער מער און מער צעבראכן, נישט דאס האב איך געמיינט, און בכלל איך וועל צוריק קומען ביים סוף טאג און די געלט באקס האט נישט מער ווי א פאר פרוטות, איך פיל ווי איך ארבעט פאר גארנישט..?!

אזוי שטייענדיג ביי איינע פון די רויטע-לעקטערס באגעגנט ער זיך מיט אן אנדערע באס וואס פארט אויפן הויפט גאס, ער זעט אז יענע באס איז א געפאקטע, מענטשן שטייען איינער אויפן צווייטן, ס'קוקט אויס ממש ווי דאס וואס ער האט זיך גע'חלומ'ט, צו קענען טרעפן אלע סארט מיני מענטשן, אויף מאכן און צומאכן טירן, אויסרופן וועלכע סטאפ איז געווען און וועלכע גייט זיין... אזוי קוקנדיג מיט קנאה בליצט אים אריין א געדאנק אין קאפ, און נישט מער און נישט וויניגער, ווען עס ווערט גרין געבט ער זיך א דריי ארויף אויפן הויפט גאס און פאנגט אן אויפנעמען מענטשן ביי די באס סטאנציעס, ער שטראלט פאר שמחה זיין באס ווערט פולער און פולער פון מינוט צו מינוט... נעקסט סטאפ... זייענדיג נישט געוואוינט און נישט האבנדיג קיין מאפע האט ער גזואגט וואס ער האט געטראכט, און ס'איז געווען לוסטיג און לעבעדיג!

סוף טאג קומט ער צוריק צום הויפט קווארטיר און מיט איין שמחה לויפט ער אריין צום מענעדזשער און זאגט, איך בין ארויפגעפארן אויפן הויפט גאס און קוק וויפיל געלט איך האב געמאכט... דער מענעדזשער'ס פנים פלאקערט פאר כעס און שרייט צוריק, האב איך דיר געבעטן צו מאכן געלט? איך האב דיר געהייסן פארן אויף א באשטימטן גאס, פארוואס האסטו זיך אוועקגעדרייט, לייבעלע שרייט צוריק, וואס הייסט פאר ווען, פאר די פאר אלטע מענטשן פאר זיי דארף איך דארט פארן? פון זיי מאכט מען נישט קיין פעני?! דער מענעדזשער מאכט זיך נישט צו טוען נאר הייסט לייבעלע נעמען זיינע זאכן און זאפארט פארלאזן די פירמע.

מיר קינדער פון השי"ת לעבן א לעבן פונקט ווי דעם לייבעלע. מיר אלע האבן אונזערע חלומות און פלענער אין לעבן ווי מיר ווילן אנקומען, זאכן און פלעצער וואס ס'ציעט אונז אנצוקומען אהין, אבער השי"ת אונזער טאטע וואס ווייסט די בעסטע וואס איז גוט פאר אונז געבט אונז א וועג, ער געבט אונז א מאפע וואס דאס איז די תוה"ק מיט פונקטליכע אנווייזונגען ווי אזוי מיר דארפן זיך פירן און ווי אזוי מיר דארפן זיך לאזן פירן, אסאך מאל איז פאר אונז באשערט צופארן אויף עפעס א זייטיגע געסל א זייטיגע וועג, א וועג וואס זעט אונז אויס נישט וויכטיג, אדער גאר די נישט ריכטיגע, און מיר פאנגען אן מאכן החלטות וואס איז גוט און וואס נישט וכדומה, און אזוי פארענדיג איז דער מענטש מחליט ניין ס'איז נישט פאר מיר, און פלוצלינג געבט ער זיך א דריי ארויף אויף עפעס א צווייטע וועג און ס'קען גאר זיין אז ער איז מצליח, אבער ביים סוף טאג וועט ער געוואר ווערן אז ניין, נישט דאס איז געווען דיין שליחות, און השי"ת וועט חלילה זאגן אז נישט אויף דעם האב איך דיר געשיקט און נישט אויף דעם האב איך דיר צוגעהאלפן.

השי"ת אונזער טאטע וויל אז מיר זאלן פארן אויפן וועג וואס ער שטעלט אונז אויס, און דאס זענען געוויסע מצבים און אויסשטעלונגען ווי השי"ת לייגט אונז אריין, און מיר קענען און טארן פון זיי נישט אנטלויפן, אין חכמה ואין תבונה לנגד ה', עס העלפט נישט קיין חכמות ווען השי"ת האט א פלאן, רבות מחשבות בלב איש אבער ועצת ה' היא תקום, מיר דארפן זען און

שפירן וואס השי"ת ווינקט אונז און אין דעם וועג דארפן מיר גיין אפילו ווען ס'איז שווער, אפילו ווען ס'קוקט אויס גענצליך אנדערש ווי דער מענטש'ס ארגינאלן פלאן, דארף מען אבער פארשטיין אז אזוי וויל השי"ת דאס איז עס, דאס איז מיין שליחות און דאס איז מיין תפקיד און איך דארף נישט אלעס פארשטיין.

דאס איז געווען יעקב אבינו, דאס האט ער געלעבט און געאטעמט. ער האט געלעבט א לעבן פון התבטלות צו השי"ת, ער האט פארשטאנען אז אלעס וואס דער מענטש גייט אדורך אין לעבן איז אן אויסשטעל וואס השי"ת שטעלט אים אויס, און ממילא ווען ער האט געוואנדערט פון זיין טאטענ'ס שטוב צו לבן, אדער ווען ער האט צו טוען מיט עשו, אדער שכם, צו ווען מ'קומט זאגן חיה רעה אכלתהו, רעדט ער זיך נישט אפ, נאר מיט דער גרעסטער מאס אמונה גייט ער ווייטער אן מיטן לעבן, אזוי אויך ווען דער פעטער לבן פאפט אים ביטערליך אויס פארשטייט ער אז מ'קען אויף לבן קיין טענות נישט האבן, ס'איז אלעס פון השי"ת אונזער געטרייע טאטע, און נאר צו אים דארף מען זיך ווענדן, צו אים דארף מען זיך אויסגיסן דאס הארץ, אבער זיך אויפרעגן אויף לבן דאס קומט בכלל נישט אריין. אבער ווען רחל וויינט און בעט זיך געב מיר קינדער שבטי קה וואס זאלן אויפשטעלן א כלל ישראל און זי זאגט ואם אין מתה אנכי, ס'איז ממש ווי איך האב געלעבט אן אומזיסטע לעבן, דארט האט ער זיך יא אויפגערעגט, ווייל ווען איינער פרעגט אויף השי"ת דאס טוט אים שוין יא זייער וויי, טאקע דאס האט ער איר געענטפערט, איך בין עפעס א גאט'ס פארטרעטער?! השי"ת אונזער באליבטע טאטע ער האט אונז געמאכט אדורך גיין דעם שווערן נסיון, זיכער איז דאס די בעסטע, לאמיר ווייטער דאווענען און טוען השתדלות, אבער ואם אין מתה אנכי ווי קענסטו דאס זאגן?! און אזוי אויך שפעטער ווען לבן לויפט אים נאך מיט טענות ווי האסטו געקענט אוועקגיין און מיך איבערלאזן, איך וואלט ווען דיך צוריקגעברענגט ווען נישט השי"ת זאגט מיך אן, זאגט אים יעקב וואס דרייסטו א קאפ, אז דער באשעפער האט מיר געהייסן אוועקגיין איז נישט דא קיין שום אנדערע מציאות אויף דער וועלט וויאזוי דו קענסט מיך צוריקברענגען אפילו דו ווילסט, ס'איז נישט אין מיינע אדער אין דיינע הענט, נאר וואס השי"ת הייסט דאס טוט מען.

## ער האט געלעבט א לעבן פון התבטלות צו השי"ת

צווישן רחל מיט לבן איז אבער געווען א יסודות'דיגע חילוק, רחל האט עס געזאגט פון דער טיפעניש פון א אידישע מאמעס צעבראכן הארץ וואס איז אדורך צער און יסורים, און טאקע דערנאך וואס זי האט געהערט די ווערטער וואס זענען ארויסגעקומען מעומק הלב פון איר טייערע מאן יעקב אבינו האט זי עס אנגענומען, ווי מיר געפינען אז גלייך דערנאך האט זי זיך צוזאם גענומען טוען די ריכטיגע השתדלות, אבער דער לבן ער לעבט מיט יעקב אבינו, ער פאפט אים איינמאל און נאכאמאל, און אלעס מיט כל מיני סיבות און תירוצים פון פארשטאנד, ווי דער פסוק זאגט אז נאכדעם וואס יעקב האט אים פארגעהאלטן אויף דעם וואס ער האט פארטוישט רחל מיט לאה האט ער געזאגט ווי קען איך טוען אזא זאך געבן די יונגערע פאר דער עלטערער וכו', כסדר פלעגט ער פארדרייען די פשוט'ע וועגן ווי א מענטש פירט זיך, דאס מיינט ולבן בקש לעקור את הכל ער האט געוואלט פארדרייען די יוצרות, און נאך זיין א למדן אין דער זייט ער האט געוואלט אריין ברענגען די מחשבה אז דער מענטש קען זיך אויסשטעלן דאס אייגענע לעבן און טוען דאס וואס ער טראכט און פארשטייט אן זיך לאזן פירן פון א מלך מלכי המלכים.

און דאס ברענגט דער אידעלע ארויס ווען ער ברענגט די ביכורים, וואס כאטש דער מענטש וואלט דאך געקענט זאגן רבש"ע איך זאג צו אז איך וועל דיר געבן א גרויס חלק פון מיין פעלד, אבער וואס פעלט אויס צו געבן די ערשטע פירות וואס וואקסן? פארוואס דארף איך א יעדן טאג גיין באקוקן מיין פעלד צו די ערשטע פירות זענען שוין גרייט וכדומה? רבש"ע ווען אלעס וועט פערטיג ווערן וועל איך דיר שוין ברענגען... זאגט אבער דער אידעלע ניין, איך מאך נישט קיין חשבונות מיט אונזער טאטע ווי לבן האט געטוען, איך פארשטיי אז וואס ער הייסט און וואס ער בעט דאס טוט מען, און נישט סתם נאר מיט אן אמת'דיגע שמחה פיל מיט אמונה אז דאס איז די בעסטע און דאס איז די איינציגסטע וועג פון הצלחה, און טאקע דאס ברענגען מיר ארויס פאר די קינדערלעך פסח אויף דער נאכט, אז שוין פון אנהייב האט דער ארמי אובד אבי געוואלט אריינברענגען אין אונז דער געדאנק אז דער מענטש קען זיך אויסשטעלן זיין אייגענעם פלאן, מיט זיין אייגענעם פארשטאנד, און טון מה שלבו חפץ, און דעמאלטס האט אונזער פאטער יעקב אריינגעברענגט אין אונז דער כח וואס בלייבט מיט אונז תמים תהיה עם ה' אלוקיך, ווען עס קומט צו דינען השי"ת דארף מען גיין מיט תמימות, טון וואס איז ריכטיג און זיך לאזן פירן פון אונזער געטרייער פאטער, און אפילו ווען ס'איז שווער דארף מען געדענקען התהלך עמו בתמימות, געדענק אז דער טאטע האט אייביג די בעסטע פלאן פארן קינד.

### לסיכום געדענק

דער מחבר ענדיגט מיט דריי נקודות:

- ווען עס גייט דיר שווער, גייסט אדורך שוועריגקייטן פארשטיי אז דו דארפסט נישט אלעס פארשטיין.
- לאז זיך פירן פון אונזער טאטע אין הימל ער ווייסט וואס איז די בעסטע פאר דיר.
- 'תמים תהיה', גיי נאך די וועגן פון השי"ת מיט א תמימות, ווייל דארט ווי דער טאטע פירט איז אייביג דאס בעסטע פארן קינד.

פרישער • קאווע שטיבל • 7טן נאוועמבער 2013

---

**שמועסן אויף דער סדרה**

# שאלות אויף פרשת ויצא: די סימנים פון רחל, און וועמענס אויגן זענען געווען פארוויינט?

יעדע וואך פלעגט „קרעמער“ ארויפלייגן א שאלה אויף דער סדרה. אין פרשת ויצא תשס"ו האט ער געפרעגט וואס זענען געווען די סימנים וואס יעקב האט אפגעשמועסט מיט רחל – און די חברים האבן געענטפערט מיט רש"י, מיט תוספות, און מיט א קאפיטשקע געדולד.

פון **קרעמער און די חברים פון דער „היימישער קרעטשמע“** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

היידפארק • היימישע קרעטשמע • „~~~שאלות אויף פרשת ויצא~~~“ • 4טן–11טן דעצעמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1699948.html

---

**קרעמער** • 4טן דעצעמבער 2005

מיר אלע ווייסן אז יעקב האט אפגעשמועסט מיט רחל "סימנים" כדי איר טאטע דער פאפער לבן זאל איר נישט אויפטוישן מיט איר עלטערע שוועסטער לאה, למעשה האט רחל איבערגעגעבן די סימנים פאר לאה כדי זי זאל נישט פארשעמט ווערן.

שאלה פון דער וואך: וואס זענען געווען די סימנים וואס יעקב האט אפגעשמועסט מיט רחל?

*

אויב דער עולם וויל נאך שאלות, גרינגערע אדער שווערערע, זאל מען זיך מעלדן. אויף די פיר שאלות פון פרשת תולדות האט זיך אינגאנצן איינער אנגערופן, איבריג צו זאגן אז דאס גיבט נישט צו קיין חשק צו גיין ווייטער מיט דער רובריק פון פראגן אויף די פרשה פון די וואך.

**פענסטער** • 5טן דעצעמבער 2005

קרעמער:
ח"ו נישט ווערן געפאלן ביי זיך ווייל דער עולם ענטפערט נישט, און א בחינה פון מאויבי תחכמינו, זאלסטו ניצן די זעלבע ענטפער.

"נישט יעדער וואס ליינט שרייבט אויך,
אבער אסאך ליינען און ס'איז זייער אינטערסאנט! "

**יין_שרף** • 5טן דעצעמבער 2005

זעט זיך אויס אז די וואס ענטפערן יעדע וואך זענען די יעניגע וועלכע האבן זיך ארויסגעלאזט קיין אוקריינא.

ווארט צו זיי וועלן אהיימקומען וועלן זיי אי"ה ענטפערן. נאר א קאפיטשקע געדולד.

אוי, נו גילו...

**קרעמער** • 5טן דעצעמבער 2005

יישר כח פאר דער אלע וואס זענען מחזק די שאלות פון דער וואך.

לכבודכם לייג איך ארויף נאך א שאלה:

2. ווער פון די צוויי האט געהאט פארוויינטע אויגן, לאה אדער רחל?

**פענסטער** • 5טן דעצעמבער 2005

ס'איז מיר אינטער געבליבן א חלק פון מיין פריערדיגע תגובה, ני לאמיר פראבירן נאכאמאל.

אינמיטן די וואך האב איך געוועגליך נישט קיין צייט צו לערנען חומש רש"י, (מדרש אפגערעדט) שבת לערן איך אבער אביסל, און אויף דיין קשיא פון די סימנים, דעס איז וואס ליגט מיר אין זכרון. נדה, חלה, און הדלקת הנר.

אויף דיין צווייטע קשיא, וויל איך געבן די געלעגנהייט פאר א צווייטן צו ענטפערן.

**gishmoker** • 5טן דעצעמבער 2005

ועיני לאה רכות.

אויף דער ערשטער שאלה:
עפעס די קליינע פינגער פון די לינקע פיס רעכטע פיס, מיט די אויער. על פי סוד, ועי' בכתבי אריז"ל ח"ש ב"מ אות י' ע"מ בח"ט.

ביי אונז אשכנזים פירט מען זיך נישט אזוי.

**קרעמער** • 5טן דעצעמבער 2005

פענסטער:
זייער גוט! דאס איז איין שיטה.

די צווייטע שיטה איז ענליך צו וואס געשמאקער שרייבט, איך ווארט ער זאל עס בעסער נאכזאגן, ער מורמעלט און מומעלט און זאגט, אבער ער זאגט דאך נישט...

*

אויף דער צווייטער שאלה איז דא נאך שיטות...

**זארעכפעפער** • 7טן דעצעמבער 2005

צוויי שי' איינס פארקערט פון צווייטן:

א. לאה פארוויינטע אויגן ווייל זי האט מורא זי וועט חתונה האבן צו עשו
ב. רחל פארוויינטע אויגן ווייל זי האט מורה זי וועט חתונה האבן צו עשו

שי' רש"י: עיני לאה רכות. שהיתה סבורה לעלות בגורלו של עשיו, ובכתה, שהיו הכל אומרים שני בנים לרבקה ושתי בנות ללבן, הגדולה לגדול והקטנה לקטן.

שי' דעת זקנים: עיני לאה רכות. לשון רך וטוב, שהיתה נראית יפה וכו', אבל רחל היתה משובחת ביפיה אלא שהיו עיניה כואבות מן הבכי, לפי שראתה שתפול לגורלו של עשו, לפי שהיתה עקרה ויגרשנה יעקב וישאנה עשו.

צום באצייכענען, אז אין דער גמרא אין בבא בתרא, איז דא א מחלוקת פון צוויי מ"ד איבער דעם טייטש פון ועיני לאה רכות. איין מ"ד לערנט, פשוט וויינען (די שי' ברענגט רש"י דא אין חומש), און איין מ"ד לערנט רכות מל' ארוכות, שמתנותיה ארוכות עיי"ש.
איז צום באמערקן אז דער אויבנדערמאנטער דעת זקנים איז גאר א דריטער פשט, לא כזה ולא כזה.

**קרעמער** • 7טן דעצעמבער 2005

זרח:
צום באמערקן אז דער אבן עזרא ברענגט אראפ דעם פשט פון "ארוכות" פון איינעם "בן אפרים" וואס זאגט אז עס פעלט אן אל"ף ביי "רכות" און עס ברויך שטיין "ארוכות", און דער אבן עזרא שרייבט אז ער מיינט אז ביי "בן אפרים" איז דא אן איבריגן אל"ף וד"ל.

**קרעמער** • 11טן דעצעמבער 2005

תירוצים אויף דער פראגע פון פרשת ויצא:
שאלה פון דער וואך: וואס זענען געווען די סימנים וואס יעקב האט אפגעשמועסט מיט רחל?

דער דעת זקנים לבעלי התוספות (בראשית כ"ט, כ"ה) שרייבט אז די סימנים זענען געווען די דריי מצות וואס פרויען זענען מחויב נדה, חלה, הדלקת הנר , וז"ל: ויהי בבוקר. שכל הלילה היתה עושה עצמה כרחל מתוך השלשה סימנין שמסרה לה, נדה וחלה והדלקת הנר, כמו שמסרן יעקב לרחל עכ"ל, וכן מבואר בכתבי רמ"ע מ'פאנו (יונת אלים פרק צ"ג) ע"ש.

אין ספר חסד לאברהם (מעין ב' נהר נ"ט - נהר ס"א בסוד תנוך אוזן ובהן יד ורגל, ובסוד סימנים שמסר יעקב לרחל) שרייבט ער וז"ל: דע כי יש ג' שרים גדולים מסטרא דשמאלא והם המתעוררים את האדם לרדוף אחר תאות גופניות, אחד משכנו על תנוך אוזן הימנית והוא הגדול, והבינוני על בוהן יד הימנית, והקטן על בוהן רגל הימנית כו' אבל הזוכה לאשה כשרה כו' ועל ידי שאוחזת בידה בתנוך אזן בעלה הימני ובוהן ידו הימני ובוהן רגלו הימני בזמן שכוונתה לעורר אותו צריכה שתתכוון לבה בשעה שמחזקת באלו הג' סימנים שיסתלקו מעליו הג' שרים המעוררים התאוה שלא לשם שמים כו' ואלו הסימנים שמסר יעקב לרחל, ואמנם האשה צריכה להתחיל מהבהן הרגל שהוא הסימן התחתון, ואח"כ מבהן יד שהוא האמצעי, ואח"כ בתנוך אזן בעלה שהוא העליון, ובדרך זה מסרן יעקב לרחל. עכלה"ק.

דער בן איש חי ברענגט דאס אויך (בבא בתרא דף קכ"ג ע"א) אין נאמען פון חיד"א וואס ברענגט דאס טאקע פונעם חסד לאברהם וז"ל: דהסימנים היו כך, שתיגע בבהן רגלו הימנית, ובהן ידו הימנית, ותנוך אזנו הימנית עכ"ל, וע"ש מה שמרמז בזה עפ"י דרכו.

ועיין בקדושת לוי (פ' ויצא) שבתחלה כשנודע לו ליעקב שמסרה רחל הסימנין שנאה על זה, וכשנודע לו שכוונתה היתה לשם שמים אהבה יותר ע"ש. ועי' בתפארת שלמה (פ' מקץ ד"ה ויאמר יהודה) דמסירת הסימנין היה מטעם ערבות, ומבאר בזה דברי הזוה"ק דבשביל מסירת הסימנין ישמע ה' קולה ויאמר לה מנעי קולך מבכי, ובזכותה נזכה לגאולה שלימה בב"א.

הלכה־שמועס

# מעשר געלט: פון חתונה־געלט, פון א שווער'ס מתנה, און פון א מי שברך

„וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך" – אין אונזער סדרה זאגט יעקב אבינו צו צו געבן מעשר. אויף היידפארק האט איינער געפרעגט צי מען דארף געבן מעשר פון חתונה־געלט, און דער עולם האט זיך אריינגעלייגט מיט ספרים און מיט מעשיות.

פון **jewboy, שמעק_טאביק, באראפארקער, KJAlliance און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט] • נישט קיין פסק הלכה

היידפארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • „שאלה: מעשר געלט" • 19טן–20סטן יאנואר 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1255217.html

**jewboy** • 19טן יאנואר 2005

געלט וואס מ'פארדינט פון הכנסת חתן/כלה דארף מען געבן מעשר?

אז איינער געט געלט פאר א ספעציפישע זאך, יענער זאגט קויף דאס און דאס מיט מיין טשעק, דארף מען געבן מעשר דערפון? (לאוו דווקא הכנסת כלה, בכללית)

**אינגערמאן** • 19טן יאנואר 2005

דער גאנצער ענין פון מעשר קען מען טרעפן פארשידענע התירים אז מען זוכט, בפרט אז מען האט נישט קיין פרנסה בריווח.

נאר עס איז אויך א סגולה, ובחנוני נא בזאת, ממילא לוינט דאס יא איינצוהאלטן, אבער מען זאל זיך אויסנעמען קלאר "בלי נדר".

ווען יענער גיט דיר געלט פאר א סעציפישע זאך דארפסטו נישט גיבן מעשר דערפון.
דאס זעלבע כולל געלט, רעגירונג הילף, א.ד.ג. וואס דו באקומסט צום לעבן מוזטו נישט געבן מעשר.

איך פסקן נישט למעשה, רעדט זיך דורך מיט א רב, א מורה הוראה, ער וועט דיר ענטפערן קלאר בסבר פנים יפות.
פארגעס אים אבער נישט צו געבן אביסל מעשר!

**יוסעלע** • 19טן יאנואר 2005

א רב האט מיר אמאל געזאגט:
אינטערסאנט אז נאר כולל יונגערלייט, און כלי קודש האבן מעשר פראבלעימען, די גבירים נישט!!!!!!

**שמעק_טאביק** • 19טן יאנואר 2005

איך האב אמאל געהערט נאכזאגן, אז דער גאנצער ענין פון מעשר איז "הפרשת מעשר"... מענטשן מאכן א טעות און מיינען אז מ'גיט א צענטל פון דעם געלט פאר צדקה האט מען יוצא געווען די מצוה פון מעשר. עס איז באמת א טעות, דאס איז די מצוה פון צדקה, מ'מישט אויס די יוצרות.

למשל, ווען איינער באקומט 100 דאלער, און מארגן נאך 100, און סוף וואך גיט ער א צוואנציגער מעשר, האט ער נישט יוצא געווען די מצוה פון מעשר, און פארלוירן די סגולה פון "ובחנוני נא בזאת"... ער האט בלויז מקיים געווען די מצוה פון צדקה.

די מצוה פון "הפרשת מעשר" איז, ווען איינער גיט דיר געלט, זאלסטו זאפארט אראפנעמען און לייגן אין דער זייט א צענטל דערפון. מוזט עס נישט געבן תיכף פאר אן ארעמאן אדער מוסד, אבער קודם אוועקלייגן. באקומסטו מארגן נאך א הונדערטער? נעם נאכאמאל תיכף 10 דאלער און לייג אוועק אין דער זייט לשם מצות מעשר, אזוי באקומט די געלט א קדושה און מ'איז מקיים מצות מעשר.

עס זענען פאראן דיינים וואס פסק'ענען פאר מענטשן אין שווערע מצבים, אז מ'זאל קודם אפשיידן מעשר, און אויב מ'האט נישט קיין ברירה קען מען די געלט נוצן צו צאלן חובות (פריעת חוב מצוה), אבער קודם זאל חל זיין די ברכה אויף דעם געלט צוליב די מצוה פון "הפרשת מעשר".
הפרשה מיינט "אפשיידן" פאר ווער עס ווייסט נישט.

איך פסק'ן נישט קיין הלכות, און יעדער זאל פרעגן זיין מורה הוראה וואס צו טון למעשה.

**משיח_השם** • 19טן יאנואר 2005

א גוטן הרב שמעק טאביק

קודם כל מוז איך דיר קאמפלימענטירן אויף דיינע הודעות און תגובות. עס ברענגט מיר שטענדיג א קורת רוח. עס איז שיין און קלאר באשריבן, אן קיין טעותים, א גוטן חיתוך הלשון, און געשמאק צום ליינען.

פון דיינע השקפות קוקט אויך אויס ווי דו ביסט א קלוגער מענטש, וואס לאזט זיך נישט פארפירן פון שטותים. דאס אלע אויבנדערמאנטע האב איך אויך געהערט פון נאך ליינער דא אויפן פורום.

צוליב דעם איז מיר געווען א וואונדער דיינע אויבנדערמאנטע ווערטער. (וואס ס'קען זיין אז ס'איז אריין געפאלן מחמת טעות, או מחמת שיגרת הלשון).

דיינע ווערטער זענען ווי פאלגנד:
מוזט עס נישט געבן תיכף פאר אן ארעמאן אדער מוסד.

זייט ווען האט א מוסד א דין פון צדקה? כ'האב אסאך געטראכט דערפון, און געפרעגט מענטשן דערוועגן, און אלע האבן מיר מודה געווען, אז א מוסד איז נישט קיין צדקה. קיין שום ארגאנאזאציע האט נישט דעם דין. צדקה מיינט געבן פאר אן ארעמאן.

די מענטשן וואס געבן געלט נאר פאר מוסדות האבן א גרויס'ן פראבלעם, עס קען זיין אז אויף יענע וועלט, וועט מען זיי זאגן, אז זיי האבן קיינמאל אין לעבן נישט מקיים געווען מצות צדקה.

אפילו פאר 'חברה הצלה' וואס איז א וויכטיגע ארגאנאזאציע, און מ'דארף עס שטיצן - און איך שטיץ זיי שטארק דורכ'ן יאר - איז עס אבער נישט 'מצות צדקה'. עס

קען זיין אז מ'האט א חלק אין הצלת נפשות, און נאך מצוות. אבער נישט צדקה.

נ.ב. כ'האב נישט געזוכט צו קריטיקירן דיינע ווערטער, ווי כ'האב געמיינט ארויס צו ברענגען די נקודה.

**KJAlliance** • 19טן יאנואר 2005

שמעק טאביק

100% גערעכט

איך האב דאס טאקע געוואלט שרייבן, אז די עיקר ענין, פון מעשר, איז די "הפרשה"

אבער טראץ דעם וואס איך בין אויך נישט קיין פוסק, האב איך היבש געטאן, אין דעם ענין

און מיין עצה, טייערער מנהל, זיי מפריש מעשר, און קענסט עס נאכדעם נוצן פאר דיין אייגענע געברויכן פון 'הכנסת כלה'

און עס איז נישט בדיעבד, נאר לכתחלה שבלכתחלה, ווייל עס שטייט קלאר אין אלע פוסקים, אז די גרעסטע צדקה, איז ווען מען שטיצט די אייגענע משפחה, טאטע, זון, ברודער, און אוודאי די אייגענע כלה.......

[פארקירצט]

**iraq4002** • 19טן יאנואר 2005

אידן,

איר האט מיך אינגאנצן צושאקלט. איך בין ב"ה ערליך מיט מעשר, אבער איך געב גרויסע חלקים דערפון פאר מוסדות, ישיבות, ארגאניזאציעס, אא"וו.

קיינמאל נישט געטראכט דאס איז א שאלה. כ'וועל אי"ה פרעגן מיין מורה דרך ביי ערשטע געלעגנהייט.

אגב, אויב איך זאג צו א נדבה פאר א מוסד, אפשר הייסט עס שוין יא צדקה, אפילו להמחמירים, ווייל איך באצאל א חוב...

הא?

**jewboy** • 20סטן יאנואר 2005

מיט מיר איז די מעשה אזוי.

יעדע 10 סענט אדער 10 אגורות (איזראעלי געלט) וואס איך פארדין נעם איך אייביג אראפ א צענטל, איך טו דאס שוין יארן.

איר שרייבט דא אז געבן פאר א מוסדות איז נישט קיין צדקה אדער פון דעם מעשר געלט, סאמטינג לייק דעט, אלע יארן פלעג איך געבן מיין מעשר געלט פאר מוסדות רמ"א אין ירושלים, אדער פאר תומכי שבת פון ב"פ, און פאר נאך חשובע ארגעניזאציעס, אדער סתם פריוואטע ארעמעלייט. ווילט עטץ מיר זאגן אז דאס הייסט נישט געגעבן קיין צדקה?

פון אייגענע עקספירענס:
איך האב אמאל געדינגען א קאר אין א געוויסע לאנד אין דער וועלט, און למזלי הרע האב איך געמאכט אן עקסידענט, וואס פונקט די מעשה איז געווען איז נישט קיין חילוק און ווער עס איז שולדיג, באט איך האב גלייך אנגעקאלט מיין רב מיט א ויצעקו "דאס קומט מיר פאר זיין א פיינער יוד?" מיין רב ענטפערט מיר ג'ובויל זיי נישט אזוי ווילד, דאס קומט פון איין סיבה: די סיבה דערפון איז ווייל די לעצטע אנדערהאלבן יאר האסטו נישט געגעבן קיין מעשר און פאר דעם האט דיין געלט געדארפט אוועק-גענומען ווערן פון דיר.

איך האב עקספטעט זיינע ווערטער, ווייל איך האב געזען אז ער ווייסט וואס ער רעדט. (איך האב נישט פארציילט אז איך האב אויפגעהערט געבן מעשר)

זייט יענע מעשה בין איך זייער מקפיד אויף מעשר, נישט קיין חילוק און וועלכע מצב איך שטיי, צי איך האב יא געלט צו לעבן אדער נישט, מעשר גייט אידערוועי.
אפי' איך טרעף געלט אויפן גאס גייט אראפ מעשר אקיצור פון יעדע סענט וואס איך מאך.

יעצט ביי הכנסת כלה האב איך בעיקר געוואלט וויסן אויב איינער געט א טשעק און זאגט קויף דאס אדער דאס.

איך וועל אייך געבן אן עקזעמפל:
איך האב באקומען פון איינעם 3500$ פאר מיין תנאים, יענער האט געזאגט אז דאס איז פאר זייגער מיטן האלל פאר די תנאים, און וכו'. האב איך געדארפט אראפ נעמען מעשר פון דעם? למעשה האב איך נישט!

**משהבערבעק** • 20סטן יאנואר 2005

jewbow

זאג מיר שוין ווי דו פארסט יעצט, איך ציטער אז דו וועסט אריינקראכן אין מיר....

ליצנות אין א זייט געלייגט, דער אייבירשטער זאגט צו א געוואלד מיט שכר פארן געבן צדקה, און פארן געבן מעשר, און פארן געבן פאר א מוסד. די עיקר "מדובר" איז יעצט, אז מ'דארף "אפשיידן" דאס געלט, אזוי קען מען אריינכאפן 4/5 מצוות אויפאיינמאל [מעשר, צדקה, גמילת חסד, פיקוח נפש ועוד ועוד].

**באראפארקער** • 20סטן יאנואר 2005

איך האב זער הנאה אז מען שמועסט תורה דא, סוף כל סוף געט עס אביסעל גערעכט פארן פארוויילן דא.

בנוגע מעשר כספים.

אפאר הערות

א. בנוגע די שאלה פין די מנהל האשכול. לכאורה דארף מען געבן מעשר פין א מתנה פונקט ווי געלט מען פארדינט.

אבער וועגן דער וואס געט די געלט זאגט אז ער געט פאר דעם זאל וכו', הייסט עס אז ער מאכט דיר א שליח צו געבן די געלט פאר איינעם, ממילא הייסט עס כאילו עס איז קיינמאל נישט געווען דיינס, דארף'סט די נישט געבן קיין מעשר. א ראי' איז דא, טאמער וואלסט די באקומען פין צוויי מענטשן געלט פאר דעם זאל, וואלסט די געווען מחוייב מודיע צו זיין פאר איינע פין זיי אז איינער האט דיך שוין געגעבן געלט, דאס איז פשוט.

ב. שמעק טאבאק

דאס וואס דו שרייבסט איז האלב אמת. עס הייסט נישט קיין מעשר נאר אויב מען איז מפריש, (עס מיז נישט זיין בשעת מעשה אזוי ווי דו האסט געשריבן, עס קען זיין א צייט שפעטער, און עס פעלט נישט אויס הפרשה, עס קען זיין סתם געלט וואס מען זאגט הרי זה מעשר), אבער צדקה הייסט עס אפילו מען איז נישט מפריש, און מעשר איז נישט קיין חיוב, צדקה איז א חיוב. און שו"ע שטייט (רמ"ט) אז מען דארף געבן צדקה נישט מעשר.

ג. צאלן חובות פין מעשר געלט וואס מען האט אפגעשייד, האט נישט קיין שום היתר, עס שטייט בפירוש אין ט"ז און אלע פוסקים, אין אדם פורע חובו ממעשר, אנגערעדט חובות פין מענטשן וואס די גאנצע מצוה דערפין איז מוטל בספק, נאר אפילו חובות אויף עניני מצוה טאר מען נישט אנצאלען פין מעשר.

די איינציגסטע אופן וואס מען וואלט געמעגט איז אויב מען האט אינזין פאר דעם זמן הפרעון צו באצאלן פין מעשר, דעמאלס קען זיין אז מען מעג, עיין בט"ז ותבין.

ד.משיח, דאס וואס דו שרייבסט וועגן א מוסד צי עס האט א דין צדקה. ביי מיר איז זיכער אז עס ווענדט זיך אין דעם מוסד, למשל א מוסד וואס דארף געלט צו צאלן מלמדים הייסט צדקה, א מוסד וואס גיט געלט פאר אפאר מנהלי המוסד הייסט נישט קיין צדקה. אבער זאגן אז א קיין שום מוסד הייסט נישט קיין צדקה איז אביסעל איבערגעטריבן.

אבער ביסט דאך אביסעל גערעכט. אין רמ"א רמ"ט שטייט אז מעשר געלט זאל מען נאר געבן פאר עניים נישט פאר קיין שום צורך מצוה. אין ט"ז און ש"ך ווערט געברענגט א מהר"ם, וואס זאגט קלאר אז מען מעג יא געבן מעשר געלט פאר א מצוה. און דארט אין פתחי תשובה ווערט געברענט א חתם סופר וואס זאגט אז עס איז נישט קיין מחלוקת, נאר עס ווענדט זיך אין דעם מנהג פין דעם מענטש, אויב די מענטש האט זיך דריי מאל געפירט צו געבן פאר עניים טאר ער נישט געבן פאר קיין אנדער מצוה, אויב אבער ווי באלד ער האט אנגעהויבן געבן מעשר האט ער באלט אנגעהויבן געבן פאר "מצות" מעג מען יא.

איך וואלט מאריך געווען לענגער, נאר די הענט ערלויבן נישט.

**KJAlliance** • 20סטן יאנואר 2005

איך זע אז מענטשן נעמען די ווערטער פון דעם "מושיאך האשעם" זייער ערענסט

איז רבותי, סאיז שקר מיסודו, אן אריכות האף איך צו שרייבן אין דעם וויקענד

אבער דאס איז בקיצור, די מדריגות אין צדקה

1- צדקה פאר משפחה

2- צדקה פאר אן אייגענע מוסד

3 צדקה פאר א יחיד

[פארקירצט]

און טייערע דזשובוי, אויב האט דיר יענער געזאגט אז ער גיט דאס פאר די הוצאות שמחת התנאים, ביזטו זיכער פטור פון מעשה, ווי דער בעל מנחת יצחק שרייבט קלאר, לגבי געלט וואס א שווער גיט פאר אן איידעם צו באצאלן רענט, אז דער איידעם דארף נישט געבן קיין מעשר, און דאכט זיך אז הגאון ר' יעקב בלוי שרייבט אויך אזוי אין זיין ספר

איך וועל בל"נ, מאריך זיין, אין די נעקסטע עטליכע טאג

**KJAlliance** • 20סטן יאנואר 2005

שלום עליכם, בארא פארקער, שמעק טאביק

א נחת, אז מען פאר א טשעינדזש רעדן אביסל תורה, און נאך תורה לשמה, דאס וואס איז נוגע למעשה

בארא פארקער, מושיאך האט געשריבן אז א מוסד איז נישט צדקה ער האט נישט געשריבן לגבי געבן מעשר פאר א מוסד, און דאס איז טאטאל פאלש

צווייטענס, זיכער איז דא א חילוק וואס דער מוסד איז, א תלמוד תורה, צו ח"י לייפליין, ביקור חולים, אגב, שטייט אין איינע פון די פוסקים, אז אפילו א חלק פון דעם געלט גייט נישט פאר צדקה, ווי למשל אז דער קאלעקטער נעמט למשל 25 פראצענט, גייט אבער די גאנצע 100 פראצענט אויף דעם נותן'ס חשבון

ואקצר בזה, און אדרבה מיינע טייערע בארא פארקער און שמעק טאביק, לאמיר זיך לאזן וואוילגיין, און שמועסן, א "געשמאקע" שמועס

**באראפארקער** • 20סטן יאנואר 2005

אקעי קעי דזשעי צוריק צו מעשר

דו שרייבסט

אבער דאס איז בקיצור, די מדריגות אין צדקה

1- צדקה פאר משפחה

2- צדקה פאר אן אייגענע מוסד

3 צדקה פאר א יחיד

פין ווי נעמט איר דעם סדר?

**shia550** • 20סטן יאנואר 2005

אמת אז עס שטייט אז פאר דער אייגענער משפחה איז דער גרעסטער צדקה, אבער אין געוויסע ראשונים שטייט אז צו בויען א שול אז דער ערשטער חיוב.

**iraq4002** • 20סטן יאנואר 2005

איך האב אמאל געפרעגט מיין דיין צי מ'מעג באצאלן מי שברך נדבה פון מעשר, האט ער געזאגט נאר אויב מען האט אינזין געהאט פון פאראויס,ביים קויפן די עלי' אדער ביי מאכן מי שברך, אז די נדבה וויל איך באצאלן פון מעשר.

**KJAlliance** • 20סטן יאנואר 2005

בארא פארקער, איך בין אביסל -מער ווי אביסל - פארנומען, וועט מיין תגובה נעמען אביסל לענגער צו שרייבן

אבער בקיצור, דאס איז "מיין" סך הכל, נאך לערנען יו"ד חלק ג' הלכות צדקה, און "אסאך" קוקן אין די תשובה ספרים

איין סיבה, פארוואס א מוסד קומט פאר א יחיד, איז ווייל א יחיד, איז אסאך מאל א פראגע צייכן, צי ער איז א נצרך, און ביי א מוסד, איז דאס זיכער, -קענסט דיווארט מיט די בריסקע, לגבי מתנות לאביונים....- אבער עס ברויך אן אריכות

און מר. איראק, איך בין נישט קיין דיין, אבער אין שו"ע שטייט מפורש, וועגן נדרים און נדבות, און עס איז דא דערביי דריי שיטות, איינס, אז מען מעג געבן די גאנצע, די צווייטע שיטה -דאכט זיך אז דער טו"ז ברענגט אראפ- אז מען מעג נאך געבן די חילוק, דאס הייסט אז אויב איינער האט געצויגן פון למשל 20 דאלער פאר דער עלי' האט ער ארויף געצויגן ביז 25 דאלער קען מען נאר רעכענען די 5 דאלער חילוק
אבער דער טו"ז אליין, שרייבט א שיטה, אז "יעדער" וואס ציט ביי אן עלי' איז דאס אין כלל פון א נדר, און ממילא, לגבי מעשר, מעג מען פאר דעם אראפ רעכענען די גאנצע פון מעשר

איך האף מאריך צו זיין אביסל שפעטער

תורה און וויסנשאפט

# חלומות השוא ידברו

„ויחלום והנה סולם" – אין אונזער סדרה הייבן זיך אן די חלומות פון ספר בראשית. וואס האבן די אלטע פעלקער, די גמרא, דער רמב"ם און פרויד געהאלטן פון חלומות – און וואו קומען זיי אריין אין הלכה?

פון **נהורא נפישא** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

די וואכן לערנט מען אין די סדרות אסאך איבער חלומות, אזוי אויך אין מערערע פלעצער אין תנ"ך, ווי חלומות ווערן באטראכט אלס געטליכע מעסעדזשעס, און דאס איז נישט ניי אין דער תורה, אין פאקט גייט דאס שוין צוריק צו דער אוראלטער מעספעטעמיע, אין שפעטער אין נאכפאלגנדע ציוויליזאציעס, ווי די עיגעפטער, גריכן, רוימער, ווי זיי האבן גענומען חלומות זייער ערנסט, ערענסטע החלטות פון שלום און מלחמות זענען באשלאסן געווארן באזירט אויף חלומות, עס זענען געווען פותרי חלומות אין די קעניגליכע הויפן, ס'איז פארבליבן פון יענע צייטן פארשידענע ביכער פון פתרון חלומות.

אינטערפארטאציעס זענען געווען באזירט אויף סימבאלן, אסאסיאצירונגען, און ווערטערשפילן, (פארשטייט זיך, יעדע שפראך האט זיינע באזונדערע ווערטערשפילן) גענוי ווי מזעט אין דער סוגיא פון חלומות אין תלמוד ברכות.

אין תלמוד ברכות ווערט אויך געברענגט מיינונגספארשידנהייטן איבער דעם תוקף פון חלומות, פארהאן חכמים וואס האבן דאס גענומען זייער ערענסט און זיך געלאזט פותר זיין ביי די פארסישע פותרים, ווידעראום איז געווען חכמים וואס האבן זיך אינגאנצן אויסגעלאכט פון חלומות, געוויסע האבן אויך מחלק געווען אין פארשידענע חלומות.

אין מאדערנע צייטן האט דאס ענין פון חלומות אינטערפארטאציע געקריגן א נייער באגריף, פרויד ערקלערט אז חלומות זענען א רעזולטאט פון אינטערבאוויסטזיניגע רצוניות וואס ווערט אין חלומות אויפגעשפילט אין סימבאלן, וואס מ'קען זי געבן באדייט דורך איר פסיכיאנאלאזירן.

עס זענען דא נאך אנדערע פארשידענע טעאריעס צעווישן היינצייטיגע פסיכלאגן איבער דעם באדייט פון חלומות, עס איז ביזדערווייל נישטא קיין דבר מוסכם דערביי.

אין הלכה קומט אריין חלומות עטליכע מאל, לגבי תענית חלום און אז מ'זאל פאסטן אפילו אום שבת, לגבי א ספעציעלע תפילה וואס מ'קען דערמיט אפשפרעכן א חלום בשעת ברכת כהנים, ווי אויך אז מ'האט געמאכט א נדר און א חלום דארף מען דאס מתיר זיין בפני עשרה. לגבי אויב מ'באקומט אן אנזאג אין חלום אויף געוויסע פירות אז דאס איז מעשר ווערט געפסקנט אז מ'קען זיך אויסלאכן ווייל דברי חלומות לא מורידין ולא מעלין.

די רמב"ם ווי אויך אנדערע ראשונים, מאירי און נאך, האבן א ראציאנאליסטישע צוגאנג צו דעם ענין פון חלומות,און דאס זעלבע דרך אגב צו אנדערע איבערגלויבענישן, זיי באטראכטן דאס ווי אינערליכע דמיונות וואס שפילט זיך אפ אין מח, לפי זה , דארף א חלום גארנישט באדייטן אין ס'איז אומזינסט צוטאן פעולות דאס אפצושפרעכן.

לפ"ז, וואס איז די הסבר אז די רמב"ם'ס ראציאנאליזם און פילאזאפיע איז נישט אלס איינשטימיג מיט זיין פסיקת ההלכה, אפטמאל טוט זיך די רמב"ם ארויסדרייען פון די סארט הלכות וואס זענען באזירט אויף איבערגלויבענישן, אבער טיילמאל איז דאס נישט שייך, די רמב"ם פסקנ'ט אז מ'דארף צו פאסטן א תענית חלום, ווי אויך אז מ'דארף מתיר נדר זיין א נדר וואס מ'האט געמאכט אין חלום, איז וואס איז די הסבר דערצו, וואלט די רמב"ם ווען אליין זיך פותר געווען א נדר וואס ער האט געמאכט אין חלום ?

**אנשי שם • צום יארצייט, י"ד כסלו**

# י"ד כסלו תרכ"ט: ווען בית רוזשין האט געכאפט דעם קלאפ

דינסטאג, י"ד כסלו, איז דער יארצייט פונעם שטיפענעשטער צדיק, ר' מנחם נחום, דעם זון פונעם הייליגן רוזשינער. „חקרן" האט געשריבן א סעריע איבער זיין ברודער, דעם רבי'ן פון ליעווע; דאס איז דער פרק וואס דערציילט פון דער פטירה, און פון דעם וואס עס איז געשען אין ליעווע גלייך דערנאך.

פון **חקרן** • אויסגעקליבן און מגיה געווען • א פרק פון א סעריע

קאווע שטיבל • אנשי שם • „רבי דוב בער פון ליעווע – וואס האט דארט פאסירט?" • 19טן יוני 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8703-2.html#p283740

---

טראצדעם וואס דער ליעווער צדיק האט נישט איבעריג ליב געהאט זיינע ברידער און שוואגער - וואס האבן געלייגט דרוק אויף אים צו פירן רבי'סטעווע, און האבן אים כסדר גע'מוסר'ט אויף זיין צוריקגעצויגנקייט, נישט צו ווערן זיין רבי - האט ער פארט געהאט אין דער משפחה נאנטע מענטשן מיט וועמען ער האט זיך געשפירט באקוועם און נאנט, צווישן זיי איז געווען דער הייליגער שטיפענעשטער צדיק, ר' מנחם נחום זצוק"ל, וואס האט סוף ימיו געוואוינט אין יאסי, און זיין פלימעניק רבי יצחק פון בוהוש זצוק"ל. מיט די צוויי צדיקים איז דער רבי געווען ספעציעל נאנט, בפרט מיט זיין ברודער וועלכער האט פארמאגט פיל ענליכקייטן צו אים, נישט זאגנדיג קיין תורה און פארשטייענדיג צו דער וועלט. עס ווערט דערציילט איז ווען די צוויי צדיקים פלעגן זיך צוזאמענקומען, פלעגט מען שמועסן שעות ארוכות און צומאל פלעגט מען אויך שפילן שאך. עס איז אויך געווען א געוויסע נאנטקייט צווישן דעם לעוור און זיין שוואגער, הרה"ק בעל צמח צדיק מוויזשניץ זצוק"ל, טראץ נישט אזוי שטארק ווי די פריעדיגע אויבנדערמאנטע צדיקים.

יענע ימים-טובים פון יאר תרכ"ט, דעמאלס ווען עס איז פארגעקומען דער ערד-ציטערניש אין יאסי, איז שוין דער שטיפענעשטער געווען שטארק קראנק. טראץ זיין יונגער עלטער פון זעקס-און-פערציג יאר, האט ער זיך געפלאגט מיט קראנקהייטן און איז געלעגן על ערש דוי. נאך די ימים טובים, האט זיך דער ליעווער ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין יאסי, צו באזוכן זיין קראנקן ברודער.

אויף יענעם באזוך ווערט דערציילט, אז די צוויי צדיקים האבן געשמועסט אליין אין דעם אינערווייניגסטן צימער, בשעת פונדרויסן האבן זיך דערטראגן הויכע טענער פון טענה'רייען. צווישן אנדערע האט מען געהערט דעם שטיפענעשטער זאגן "אז מען זאגט משוגע זאל מען גלויבן", אויך האט מען געהערט זאגן "אז מען שטייגט אויף א פערד, מוז מען קאנען רייטן" און נאך אזעלכע ענליכע רעדערייען.

אין טאג פון י"ד כסלו תרכ"ט האט בית רוזשין געכאפט דעם קלאפ, ווען עס איז נסתלק געווארן דער צדיק פון שטיפענעשט זצוק"ל לגנזי מרומים, בשעת זיין ארט האט איבערגענומען זיין זון, הרה"ק רבי אברהם מתתיהו זצוק"ל. די ברידער זענען געזעצן שבעה און גאנץ בית רוזשין האבן געטרויערט נאך דעם גרויסן פארלוסט פון דעם צדיק.

ספעציעל האט ווי געטאן פארן ליעווער רבי דער פארלוסט מיט דער פריצייטיגער פטירה פון זיין נאנטער ברודער. אין א בריוו וואס איז געשריבן געווארן אינעם יאר פון די פטירה, שרייבט דער ליעווער 'כי רחוק ממני 'מנחם' משיב נפשי', מיינענדיג דערמיט זיין ברודער, הרה"ק ר' מנחם נחום זצוק"ל. טראצדעם וואס עס איז נישט זיכער צי דער בריוו האט דער ליעווער אליין מנסח געווען, אדער האט ער בלויז אונטערגעשריבן דערויף, לאזט זיך זאגן אז די פטירה פון א נאנטער ברודער האט געלאזט אויף אים א טרויעער און צער, ווער רעדט נאך אין אזעלכע צייטן וואס עס האט אים אויסגעפעלט א נאנטער ברודער וואס זאל אים פארשטיין און זיך געפינען מיט אים.

עס איז פאראן א לעגענדע וואס דערציילט, אז די וואך נאך דער פטירה פון זיין ברודער, איז דער ליעווער אריינגעקומען צום טיש פרייטאג-צו-נאכטס, ווען פלוצלינג ביי קידוש האט ער אויסגעגאסן די ווייַן, אוועקגעווארפן דעם בעכער און צעריסן די בעקעטשע. די דאזיגע פאסירונג ווערט דערציילט אויפן ליעווער, טראצדעם וואס עס איז נישט זיכער צי די מעשה איז נישט קיין געבארגטע פונעם קאצקער, אדער גאר האט מען ארויפגעלייגט

אויפן קאצקער א ליעווער מעשה. אויף אזויפיל איז גאנץ זיכער אז איינער האט גענומען די מעשה פונעם צווייטן און עס איז מסתמא נישט פארגעקומען ביי ביידע צדיקים די זעלבע מעשה.

אצינד איז דורכגעגאנגען שווערע מצבים אין שטוב פון דעם ליעווער צדיק. פון איין זייט האט די רביצין שיינדל מיט די גבאים געזען, אז דער רבי איז אן ערנסטער פראבלעם, ער קען זיך צעלאזן און שרייען אינמיטן גאס און אין בית-המדרש. אפגעזען צי דער פראבלען איז בלויז געווען יום-כיפר, אדער אויך שבת ביי קידוש, האבן די גבאים געזען אז עס איז פראבלעמאטיש מיטן רבי'ן. די באשרייבונגען אין די צייטונגען אז דער רבי וויל זיך שמד'ן, האט נישט צוגעגעבן קיין כבוד פאר ליעווע און עס האט נאר פארגערגערט דער פראבלעם.

דער רבי פון זיין זייט האט אויך באקומען א שווער הארץ אויף דער רביצין און די גבאים, אויב איז די לאגע ביז יעצט געווען שווער, האט זיך דער רבי דערזען אין א טיפן פראבלעם. ער האט פארשטאנען אז די רביצין און די גבאים זעען אין אים א פראבלעם, לויט ווי ער האט דערציילט שפעטער אין טשערנאוויץ, האט ער אנגעהויבן חושד זיין און שמעקן אז די רביצין וויל אים פאר'סמ'ען, כדאי עס זאל נישט ארויסקומען א חילול השם און א פארשוועכונג פארן רוזשענער כבוד. אפגעזען צי עס איז טאקע געווען אזעלכע פלענער אדער נישט, איז דער רבי שוין נישט געווען זיכער מיט זיך און געציטערט צו זיין אין דער סביבה פון זיין אייגענע רביצין און גבאים.

לאמיר זיין אויפריכטיג, דער רבי האט באמת געהאט פון וואס מורא צו האבן; אז מיר קוקן וואס דארט האט זיך אפגעטאן, געפינען מיר אז מען האט אים טאקע נישט פאר'סמ'ט, אבער אנדערע גאר שווערע און געוואגטע אקציעס זענען יא דארט פארגעקומען, און ווער ווייסט צי עס איז טאקע נישט געווען אזעלכע סארט פלענער, וואס די רביצין און שטוב מענטשן האבן געהאלטן אז פאר דער טובה פון כבוד בית רוזשין און מטעמי חילול השם דארף מען דאס טון. אזוי צי אזוי האט דער רבי געשפירט א געפערליכע דרוק און לחץ, ער איז נישט געווען זיכער מיט זיך און ער האט נישט געוויסט וואס דער מארגן קען אים ברענגען.

כמים פנים לפנים, די רביצין האט אויך געשפירט אז דער רבי דרייעט זיך ארום מיט חשדות אויף יעדע רירנדע זאך אין שטוב, און די לאגע אין שטוב איז געווען שווער און אנגעצויגן. אין א טעלעגראם וואס די רביצין שיקט קיין סאדיגורא אין יענע תקופה, ליינט זיך ווי פאלגענד: 'ברודער גיפערליך קראנק, שוועסטיר און ברודר צום גיכסטין קוממן''.

אין סאדיגורא האט מען שוין געהאט געהערט די שמועות פון יום-כיפור, און מסתמא איז אויך אנגעקומען די צייטונגען און באריכטן וואס דערציילן איבער דעם רבי'ן פון ליעווע. דער סאדיגורא האט דאן געשיקט נאכן ליעווער אז ער זאל קומען אים באזוכן קיין סאדיגורא, אבער דער ליעווער האט זיך אנטזאגט דערפון, פארשטייענדיג אז קיין האניג וועט ער דארט נישט לעקן. זעענדיג דאס, האט דער סאדיגורער געוואלט אליין אראפפארן קיין ליעווע צו זיין ברודער, אבער די דאקטוירים האבן אים אפגערעדט דערפון צוליב זיין שוואכן געזונט מצב. בלית ברירה האט ער געשיקט זיין שוועסטער, הרבנית גיטל מונזון, אז זי זאל פארן קיין ליעווע און פראבירן צו ברענגען דעם ברודער קיין סאדיגורא.

אבער נאך איידער זי איז אנגעקומען קיין סאדיגורא, איז פארגעקומען א געוואגטע אקציע.

די רביצין און שטוב מענטשן פונעם רבי'ן האבן געוויסט, אז איין מענטש איז פאראן אויף וועמען דער צדיק פארלאזט זיך בלינדערהייט, דאס איז דער דאקטער פון שטאט, מיט וועמען דער צדיק האט געהאט א שפראך און ער פלעגט פארברענגען אינאיינעם אויף לאנגע שעות. די משפחה האט זיך דאן פארבינדן מיטן דאקטער, אים משחד געווען מיט פיל געלט אז ער זאל מיטארבעטן מיט דער משפחה און טון וואס זיי באפעלן.

אין א מאנטאג אינדערפרי, בערך עלעווע צייט, איז דער רבי געגאנגען כאפן א שפאציר מיט זיין נאנטן פריינד דער דאקטער. די צוויי האבן זיך ארויסגעלאזט אין א קארעטע אויסער דער שטאט, כאפנדיג פרישע לופט פון די פרישע פעלדער נעבן ליעווע, אבער צוריק איז דער רבי קיינמאל נישט אהיימגעקומען.

אינמיטן וועג, זיך געפינענדיג אליין מיטן דאקטער, האט אים דער דאקטער אנגעגאסן א גלאז טרינקען, דער רבי האט גארנישט פארדעכטיגט און געזופט פון דעם טרינקען מיט געשמאק, שמועסנדיג איבער אלס און אלעמען, ווען מיטאמאל האט אים געכאפט א שלאף, דער רבי איז ארייינגעפאלן אין א טיפן שלאף, זיך געפינענדיג אליין אויסער דער שטאט.

גראד זענען געקומען צו גיין די גבאים מיט דער רביצין שיינדל, זעענדיג ווי דער רבי שלאפט טיף, האט מען אים גוט צוגעבינדן, איינגעשפאנט דעם וואגן און זיך ארויסגעלאזט אין וועג אריין קיין סאדיגורא. דער רבי מיט דער רביצין, אינאיינעם מיט נאך א גבאי, זענען געווען אויף איין וואגן, בשעת אויף אן אנדערן וואגן וואס איז זיי נאכגעפארן, האבן זיך געפינען נאך עטליכע גבאים און שטוב מענטשן, וואו דארט איז געווען אלע נויטיגע צוגעהערן וואס מען האט געדארפט מיטטראגן אויפן וועג.

אין אנדערע ווערטער: עס איז פארגעקומען א פארכאפונג, מען האט פארכאפט דעם רבי'ן.

קוקנדיג מיט א ניכטערן בליק, קען מען דאס אנקוקן אויף פארשידענע וועגן. אויב זענט איר א ליעווער חסיד, וואלט איר זיכער געשימט און געשוימט אויף דער רביצין וועלכער האט אנגעבליך געפייניגט דעם רבי'ן און אים נישט מער און נישט ווייניגער פארכאפט צו זיין ברודער.

ווידער, אויב זענט איר א סאדיגורער חסיד - לאו-דוקא פונעם ליעווער, דאן איז די בילד אנדערש, נעמליך אז דא רעדט מען פון א נאנטער משפחה מיטגליד וואס איז פשוט קראנק און איז נישט ביי זיך. יעדער פארשטייט אז דאס בעסטע ארט פאר אזא איינעם איז צווישן זיינע ברידער און משפחה מיטגלידער און מען מעג און מען דארף אים אהינברענגען פאר יעדן פרייז. איי, ער וויל נישט? - וואס טוט איר מיט אייער קראנקער זיידע וואס פארפירט אז ער וויל נישט גיין אין שפיטאל, ווען ער דארף וויכטיג גיין? - איר וועט אים דען לאזן אינדערהיים? - מסתמא וועט איר רופן א קאר און מיט כח אים אריינפירן אין שפיטאל, אפגעזען צי ער וויל אדער נישט. אט דאס האבן די גבאים מיט דער רביצין געשפירט פאר וויכטיג צו טון מיטן רבי'ן, וואס איז נישט בסדר אין יענע טעג.

מען דארף אויך נעמען אין באטראכט, אז וויבאלד די מקורות זענען נישט אלעמאל גלייך, קען אויך געמאלט זיין אז מען האט אים נישט ממש גענומען מיט כח, מען האט אים בלויז צוגערעדט און געלייגט א שטארקן דרוק אז ער זאל פארן קיין סאדיגורא, אפשר האט מען אים אפילו געסטראשעט, אבער נישט ממש פארכאפט. עס ווענדט זיך פון וועלכן שטאנדפונקט מען קוקט אן די מעשה.

דער קידנעפינג און דאס איינשלעפערן דעם רבי'ן, קעגן זיין ווילן, האט אנגעמאכט א מהומה און א רידערניש אין דער וועלט, עס איז געווארן א רעש און טומל אין אלע שיכטן און קרייזן, אנגעהויבן ביי חסידים, געגאנגען צו מתנגדים, ביז צו די נוצרים וואס האבן פארפירט אז מען האט געקידנעפט דעם רבי'ן צוליב דעם וואס ער האט זיך געוואלט טויפן רח"ל.

[פארקירצט]

לוח

# יארצייטן פון דער וואך

ט'–ט"ו כסלו. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף היידפארק אין תשס"ד (2003), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי הײ־יאר. די צוגאבן וויפיל יאר עס איז געווען דעמאלט זינט דער פטירה זענען אראפגענומען.

פון **כינר1**

היידפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא" • 30סטן נאוועמבער און 7טן דעצעמבער 2003
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p5759350

**דאנערשטאג, ט' כסלו • 19טן נאוועמבער**

- הרה"ק ר' דובער מליובאוויטש ב"ר שניאור זלמן זי"ע (האדמו"ר האמצעי) • תקפ"ח [אף נולד ביום זה בשנת תקל"ד]
- הרה"ק ר' משה שפירא מסלאוויטא ב"ר פנחס מקאריץ זי"ע • תקצ"ח

**פרייטאג, י' כסלו • 20סטן נאוועמבער**

- הרה"ק ר' פנחס מנחם אלעזר יוסטמן מפילץ ב"ר בנימין אליעזר זי"ע (בעמח"ס שפתי צדיק) • תרפ"א
- הגאון ר' משה מרדכי ב"ר צבי חיים עפשטיין זצ"ל ראש ישיבות סלבודקה וחברון (בעמח"ס לבוש מרדכי) • תרצ"ד
- הגאון ר' איסר זלמן מלצר ב"ר ברוך פרץ זצ"ל מירושלים (בעמח"ס אבן האזל) • תשי"ד

**שבת קודש פרשת ויצא, י"א כסלו • 21סטן נאוועמבער**

- הגאון ר' יעקב יצחק ב"ר יקותיאל זלמן הלוי זצ"ל מפרסבורג (בעמח"ס אמרי רברבי) • תקכ"ג
- הגאון ר' שמחה מדעסוי ב"ר צבי חריף מפוזנא זצ"ל • תקמ"ו
- הגאון ר' יחיאל ב"ר אהרן הלר זצ"ל (בעמח"ס עמודי אור) • תרכ"ב

**זונטאג, י"ב כסלו • 22סטן נאוועמבער**

- רבינו שלמה ב"ר יחיאל לוריא זצ"ל - המהרש"ל מלובלין • של"ד
- הגאון ר' יצחק ב"ר שמואל למפרונטי זצ"ל (בעמח"ס פחד יצחק) • תקי"ז
- הרה"ק ר' אברהם דוב אויערבאך מאווריטש ב"ר דוד זי"ע (בעמח"ס בת עין) • תר"א
- הגאון ר' יהושע משה ב"ר מיכאל אלי' אהרונסון זצ"ל מפתח תקוה (בעמח"ס ישועות משה) • תשנ"ד

**מאנטאג, י"ג כסלו • 23סטן נאוועמבער**

- האמורא רבינא בן רב הונא זי"ע • ד"א ר"ס
- הרה"ק ר' שלמה זלמן יוסף מוילעפאלי ב"ר אברהם אליהו זי"ע (תלמיד בעמח"ס אור לשמים) • תרי"ח
- הרה"ק ר' ישראל טאוב ממודז'יץ ב"ר שמואל אליהו זי"ע (בעמח"ס דברי ישראל) • תרפ"א
- הרה"ק ר' ישראל ב"ר דוד משה מטשורקוב זי"ע • תרצ"ד
- הרה"ק ר' יחיאל מיכל מהורודענקא ב"ר ברוך מויזניץ זי"ע ובנו הרב ר' ברוך הי"ד • תש"ב

**דינסטאג, י"ד כסלו • 24סטן נאוועמבער**

- ראובן בן יעקב משבטי י-ה זי"ע • ב"א שי"ח (אף נולד ביום זה בשנת ב"א קצ"ד)
- הרה"ק ר' מנחם נחום משטעפינעשט ב"ר ישראל מרוזין זי"ע • תרכ"ט
- הרה"ק ר' מרדכי ב"ר מנחם נחום טברסקי מלאייעב זי"ע • תרס"ו
- הרה"ק ר' יעקב משה ב"ר ישכר בעריש מוואלברוז זי"ע (בעמח"ס דברי העם) • תרע"ח
- הרה"ק ר' דוד ב"ר מסעוד אבוחצירא זי"ע • תר"פ
- הגאון ר' שאול ב"ר מרדכי רוזנברג זצ"ל אב"ד ראצפערט (בעמח"ס חמדת שאול) • ת"ש
- הרה"צ ר' משה יהושע ב"ר יחיאל מיכל לנדמן זצ"ל • תש"ך
- הגאון ר' מרדכי יעקב ב"ר חיים ברייש זצ"ל מציריך (בעמח"ס חלקת יעקב) • תשל"ז

**מיטוואך, ט"ו כסלו • 25סטן נאוועמבער**

- רבינו הקדוש רבי יהודה בן רבן שמעון זי"ע • ג"א תתקנ"ד
- הרה"ק ר' זאב וואלף מז'יטומיר זי"ע (בעמח"ס אור המאיר) • תק"ס (וי"א שנפטר בט"ו אדר)
- הגאון ר' שמחה בונים ב"ר אברהם שמואל בנימין סופר זצ"ל (בעמח"ס שבט סופר) • תרס"ז
- הרה"ק ר' דוד ב"ר יצחק מסקווירא זי"ע • תר"פ

הומאר

# ויחלום והנה סולם

ווער געדענקט נישט די סולמ'ס פון חדר? „פליקער“ דערמאנט זיך אין דער גאנצער אינדוסטריע פון מאלן, קויפן און ביטן סולמ'ס יעדע פרשת ויצא – מיט אירע שטרענגע הלכות.

פון **פליקער, ברסלבער, ציבעלע־קיגל און berlbalaguleh** • אויסגעקליבן און מגיה געווען • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „ויחלום והנה סולם“ • 27סטן נאוועמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7653.html#p238020

**פליקער** • 27סטן נאוועמבער 2014

איך דערמאן זיך יעדעס יאר ווען עס נעמט גיין פרשת ויצא, ווי אקטיוו איך בין געווען אלס קליינער, א גאנצע אינדאסטרי וואס פלעיגט ווירבלען, נעמליך מען האט געקויפט סולם'ס, עס האט געפאדערט מעילער'ס, קינדער וואס האבן געהאט דעים חוש פון מאלן, זיי האבן געמאלן אלע ערליי מינע סולם'ס, מען האט פארברעינגט גאר אסאך צייט, איבערגעמאלן צעינליגע שטיק ביז עס האט זיך געמאכט עפעס א לייטישער סולם.

עס האט דאך געהאט גאר שטרעינגע הלכות, ווי אזוי עס האט געברויכט אויס זעין, מען האט נישט געקענט מאכן עפעס אבי געמאכט, עס האט געפאדערט קודם אן אויס שניט פינעם פסוק, א באזינדערע אויס שניט פינעם שווערן רש"י, און די אילאסטראציע, פון וואו יעקב איז ארויס, ביז וואו ער האט געברויכט אן קומען, ווי דער חלום איז צושטאנד געקומען, פינקטלעך ווי אזוי עס איז מעיגלעך אז עס זאל זיין ראשו מגיע השמימה, און ווי די העלפט זאל זיין, מיט א צייכן, נישט קיין גראדע נאר געהאקטע.

די מלאכי אלקים עולים ויורדים האבן געברויכט ווערן אילאסטרירט, אלזא אויב איינער האט געקענט אילאסטרירן א מלאך האט געקענט פארקויפן פיל מער ווי די וואס האבן נאר געשריבן עולים ויורדים, די מלאך איז געווען עפעס א א חצי פייגל חצי עליאן, ושד באמצע מיט אזעלכע פארכטיגע פליגלען, איך פארשטיי נישט די איינפאל, הר המוריה האט מען געמיזט ווייזן געגוי די זעלבע בערג אויף צוויי פלעצער, מיט אזעלכע ערוי'ס ווי עס איז געווען די קפיצת הדרך, און ווי די בארג איז קעיגן געקומען, ביי באר שבע האט מען געברויכט מאלן א ברין, אויב נישט איז עס נישט געווען קיין שיימות, ביי די שטיינער האט מען געברויכט צייגן די צוועלף שטיינער, ואם יש לו פנאי האט מען צוגעשריבן אז אלע צוועלף זענען געווארן איינס.

ירושלים איז געווען באמצע שיפוע, האט מען געבויכט מאכן עפעס א וואלקן אויבן פונקט העכער צו אילעסטרירן אז עס איז פונקט כנגד ירושלים של מעלה, אויך די זין האט קלאר געשיינט אויף יעדן סולם, אפילו די חלום איז געווען ביינאכט און עס שטייט און ערגעץ נישט אז יעקב אבינו האט געחלום'ט פון א זין, אדער אפשר האט פונקט דאן געגאסן א רעיגן, אדער פלעין שטארק פארוואלקענט.

ירושלים פארמאגט א מויער מיט עפעס א כופה מיט אזעלכע שפיציגע זאכן אפילו אן ענטענע מיז מען מאכן, הגם עס איז זיכער נישט געווען די אלע סארט, נאר עטליכע געצעלטן, קיין שום סולם איז נישט געווען פערטיג נאר אויב עס האט געהאט די ווערטער איסור השגות גבול יודע, הגם עס איז געווען אן א שיעור סולם'ס, און דער וואס האט עס געמאלן האט נישט געלייזט קיין סאך ווייל יעדער האט געוויזן וואס ער קען.

נאך דעים זענען קינדער מיט קאפי מאשין'ס וואס איז געווען א יקר המציאות, זיי זענען געווארן דיסטריביוטער'ס, זיי האבן פארקויפט א דיים א שטיק, אויב איז געווען א סולם געמאלן אביסל טרי-די האט עס שוין געקאסט פיפצן צענט, איך געדעינק איינער א פיפיג אינגעל האט באוויזן צי פראדאצירן די סולם אויף א סטיקער, אה דאס האט שוין געקאסט א קוואדער, און געלאזט פערמענאנטע שאדן אינעם חומש, אוי איז ער געבליבן נעבעך מיט אסאך סחורה, ווייל פרשת ויצא איז נעבעך נאר איין וואך.

יעדע קינד האט געהאט כאטש צוועלעף סולם'ס, אלעס האט גוזאמעלט, מען האט געפליפט סולם'ס, ער קען דאך נישט פארשטיין די רש"י אנדערש, געוועינטלעך פלעיגט די רבי לאזן ארויסנעמען דעים סולם און קיקן אויפן סולם און לערנען פון דארט די רש"י, איין יאר האב איך געהאט גאר א בייזע רבי, ווי געוועינטלעך ווען מען האט ארויסגענימען דעים סולם, האט ער זיך געבייזערט וואס גייט דא פאר, כאילו ער איז אראפ פון דער לבנה, ער האט געפירט קריג

מיט דער גאנצער מעשה, ער האט געשריגן ער איז נישט גורס די גאנצע מעשה, ער וועט שלאגן אויב איינער וויגט זיך ארויס קיקן פינעם חומש, יעדער האט געקריצט מיט די ציין, גיי פארשטיי א נאצי געליטענער, מן הסתם האט עס אים דערמאנט פון די וואך טורעמעס פון לאגער וואס האבן געהאט לייטערס.

אבער די גאנצע אינדאסטרי וואס האט אזוי שטארק געבליט איז עפעס אינטערגעגאנגען, איך ווייס נישט בכלל צי איינער ווייסט וואס איך רעד בכלל, איך ווייס אפילו נישט בכלל ווען עס איז אינטער געגאנגען, ווער האט אויסגעריסן די סולם פירצא, ווערם איז עס געשטאנען און וועיג, עס איז דאך געווען גאר א וויכטיגע הפסק צווישן ביזנעס קארד און פלעי מאני, צווישן קאגעלעך מיט סעיפטי קארדס, פאר די וואס געדענקען, אבער מיינע קינדער ווייסן בכלל נישט וואס דאס איז א סולם, די רש"י איז זיי גאר נישט שווער, איך האב מורה צו פרעגן אויב זיי כאפן נאך פעטש ביי ואני, זיי ווערן נישט ווייסן וואס ואני ווען ואני, די שוידערליכע ניגון ואני איך יעקב, ווער ווייסט וואס נאך מען האט אויסגעריסן, נע זיכער דעיס האבן נאך רי רבי'ס געלאזט, ווי קען מען פארקיקן אויף א געלעיגנהייט אן צו מקלען די קינדער, אוי ווער ווייסט אפשר כאפן די קינדער היינט שוין נישט קיין פעטש, קינדער ווייסט איר וואס מיינט האלט די האנט, אדער פרעיגט עטס, ווי זאליך עס האלטן, הייסט מען נאך היינט קינדער טייטלען, איך וועל מיזן מאכן א גרינטלעכע אויספארשינג.

איצט איז שוין שפעיט ביינאכט און איך בין מיד, איך פאל אוועק און א טיפע שלאף, איך ציטער איך גיי חלום'ן פון סולם'ס מיט מלאכי אלקים, ווער ווייסט וואס נאך דער מלאך החלומות האט פאר מיר.

ערגעץ איז מיר דורך געלאפן א מחשבה, אז די סיבה פארוואס עס איז לייכטער געווארן פשט און רש"י, אז פשוט ציליב וואס מיר פארמאגן היינט דזשי-פי-עס טעכנעלאגיע, עס איז היינט פשוט, ווען מען לייגט אריין און וועיז אדער גוגל מעפס, באר שבע העדינג צו חרן, אלע פוינט'ס אויף אינטערעסט, אפשר וועלן זיי נישט ווייסן אז אולם לוז שם העיר לראשונה, אבער מען קען נישט וויסן, מען וועט גלייך זעין ווי לאנג עס נעמט צו וואקן פון באר שבע ביז חרן, מען וועט גלייך פארשטיין אז עס פארלאנגט זיך קפיצת הדרך, פארשטייט זיך אז קיין הייוועיס איז נישט געווען אבער אויך נישט קיין טרעפיק, עס איז יתכן אז וועיגן דעים איז דער סולם געווארן אים נויטיג ועדיין צ"ע גוגל.

**ברסלבער** • 27סטן נאוועמבער 2014

זיסע זכרונות... נאך א סיבה פארוואס מען זעט עס שוין נישט איז ווייל די נייע חומשים האבן עס אריינגעדרוקט אין די בעק. חבל על דאבדין.
איך האב געזוכט די וואך אזא אלטמאדישע סולם פאר מיין אינגל, אבער אן ערפאלג. אפשר האט פליקער אדער א צווייטער אוועקגעלייגט איינס און וואלט געווען וויליג עס ארויפצושטעלן.

**ציבעלע-קיגל** • 8טן דעצעמבער 2014

איך האב נישט לאנג צוריק באקומען אן אימייל פון א חבר אין ארץ ישראל אז ארכיאלאגן וואס האבן געגראבן לעבן הר הבית האבן געפונען שטיקלעך פונעם לייטער. פארשטייט זיך אז נישט די גאנצע עס איז דאך געווען זייער הויך אבער א שיינע חלק פון דעם איז נאך גאנץ. מען גייט דאס בקרוב אוישטעלן אין א דיספלעי.

**berlbalaguleh** • 9טן דעצעמבער 2019

א איד האט אמאל זיך פאררעדט אז ער האט געזען די הערנער פון פרעה'ס קיען אין א מוזעאום אין עסטרייך...!

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 19טן נאוועמבער, אין פריערדיגע יארן? א רבי וואס צאלט מער ווי מען בעט, א קוק אויפן מולד, און א שמועס וועגן מדרשי פליאה.

**12**
יאר צוריק
2014

## שבירת המידות

**ישמעאל הכהן** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 19טן נאוועמבער 2014

א איד בעל מלאכה פארציילט, ער האט געטון ארבעט פאר אדמו''ר מ'דעעש שליט''א פון בארא פארק 42 גאס.
ס'געקומען צו באצאלן פרעגט די רבי וויפיל? זאגט ער $275. פרעגט דער רבי צי ער קען עס מאכן פאר $270, דער איד וויל אויספלאצן וואס גייט דער רבי האבן פון פינף דאלער? ער זאגט יא זיכער, פיין.
דער רבי קומט צוריק מיט א טשעק פון $280, פרעגט ער פשט ילמדינו רבינו?
זאגט אים די רבי מדעעש, איך בין בטבע מער צו דער קארגער זייט, איך וויל גיין אקעגן און ארבעטן דערויף. שטעליך אונטער א נסיון זאלסט מיר געבן א הנחה און איך לייג גאר צו מער פון דיין ארגינעל פרייז!
אט אזוי האדם לא נברא רק לשבר את הטבע.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7605.html

**9**
יאר צוריק
2017

## די מולד

**כפתור** • קאווע שטיבל • אחיעזר • 19טן נאוועמבער 2017

איך מיין אז ס'מאכט זיך אפילו אז מ'זאגט אמאל 'דער מולד איז געווען', אויב ס'איז שוין געווען און אר"י.
דאס קוקט סתם אויס איבעריג.

איך וואונדער מיך אמאל צי ס'איז דא א טיפ מענטש וואס גייט ארויס קוקן ביי דעם מולד צי ער זעט עפעס.

דאס קען אפשר געבן א נייע געלעגנהייט פאר א רבי וואס איז נאך נישט אזוי באוואוסט און זוכט עפעס א חידוש צו קענען טרעידמארקן, (פארשטייט זיך אויך א טיש, לחיים, און פיקטשערס..) צו ווערן די "מולד רבי" ווי ער ווארפט עפעס אויף די חסידים ביים זמן המולד, און ווער ס'כאפט, ווערט געהאלפן

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11982.html

13
יאר צוריק
2013

# וואס איז „דרוש“?

**רפאל** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 19טן נאוועמבער 2013

קודם שלום עליכם איך בין דא א גאסט אין שטאט.

עס איז דא עטליכע סארט מדרשי פליאה, עס זענען דא די מדרשי פליאה וואס שטייט נישט אין מדרש, איך ווייס נישט פון וואו זיי קומען.
נאכדעם איז דא רוב מדרשי פליאה אויף וואס ספרי דרוש שטעלן זיך, וואס זיי שטייען יא אין די באקאנטע מדרשים, אין רבה אדער תנחומא וכדו', אבער געוועגליך איז דער מדרש בכלל נישט פליאה, נאר לצורך הענין מאכט מען עס פליאה. והמדרש הזה צווח ואומר מאך מיר נישט קראנק וועל איך נישט דארפן קיין רפואה.
למשל די אלע הדא הוא דכתיב'ס וואס שטייט אין מדרש, און מען האט שוין געבויט אויף דעם פיתום ורעמסס מיט חידושים, אין באמת איז דאס זייער פשוט. ווער עס איז באקאנט אין דעם סגנון פון מדרש ווייסט אז דער מדרש הייבט אן מיט א פסוק פון דער סדרה און זאגט הה"ד א צווייטע פסוק, נאכדעם איז ער מאריך צו מסביר זיין דעם צווייטן פסוק, און נאכדעם קומט ער צוריק צו דעם המשך פון די צוויי פסוקים.
למשל א שטיקל מדרש רבה פון דער וואכעדיגער סדרה - ד"א "וישב יעקב וגו'" אברהם גייר גיורים הה"ד: "ויקח אברם את שרי אשתו" א"ר אלעזר בשם ר' יוסי בן זימרא אם מתכנסין כל באי העולם לבראות אפילו יתוש אחד אינן יכולין ואת אומר "ואת הנפש אשר עשו בחרן" אלא אלו הגרים שגייר אותם אברהם ולמה אמר עשו ולא אמר גיירו ללמדך שכל מי שהוא מקרב את הגר כאלו בראו.
תאמר אברהם היה מגייר ושרה לא היתה מגיירת תלמוד לומר "ואת הנפש אשר עשו בחרן" אשר עשה אין כתיב כאן אלא אשר עשו א"ר חוניא אברהם היה מגייר את האנשים ושרה מגיירת את הנשים ומה ת"ל אשר עשו אלא מלמד שהיה אברהם אבינו מכניסן לתוך ביתו ומאכילן ומשקן ומקרבן ומכניסן תחת כנפי השכינה.
יעקב גייר גיורים דכתיב: "ויאמר יעקב אל ביתו וגו'". "ויתנו אל יעקב וגו'" ביצחק לא שמענו והיכן שמענו רבי יצחק ותאני לה משום רבי הושעיא רבה בשם ר' יהודה בר סימון כאן כתיב "וישב יעקב בארץ מגורי אביו" מאי מגורי אביו מגיורי אביו:
יעצט קען איינער ברענגען נאר דער ערשטער חלק - ד"א "וישב יעקב וגו'" אברהם גייר גיורים הה"ד: "ויקח אברם את שרי אשתו". – און עס איז ממש א מדרש פליאה, ווי קומט איינס צום צווייטן? אבער ווען מען קוקט ווייטער זעט מען אז עס שטומט זייער גוט. דער מדרש וויל טייטשן מגורי אביו אזוי ווי מגיורי אביו אז יעקב האט אויך מגייר געווען גרים אזוי ווי זיינע עלטערן.
און די זעלבע איז ביי כמעט יעדע מדרש פליאה, דער מדרש איז בכלל נישט פליאה, נאר מען מוז דאך קענען זאגן א של"ס תורה, ווערט עס לצורך הענין שווער.
איך האב געהערט פון ר' סיני מלוביצקי א שיעור וועגן מסורת. האט ער מסביר געווען וואס מסורה איז. כדי מען זאל געדענקען די פונקליכע ספעלינג פון דער תורה האט מען געמאכט די ספרי מסורת, למשל - "וחשך על פני תהום" – ב' במסורת. הכא, ואידך: "וחשך אי זה מקמו" (איוב לח יט). דאס מיינט אז אין די צוויי פסוקים שטייט דאסווארט וחשך אן קיין ו'. יעצט האט נישט קיין שום פשט צו מאכן עפעס א דרוש צו מקשר זיין די צוויי פסוקים וואס האבן קיין שייכות נישט. נאר אזוי ווי מען דארף אנהייבן די דרשה מיט א טייטש אין דער סדרה, נוצט מען דאס אויך. און די זעלבע איז ביי די מדרשי פליאה.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5203.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינמיטן דעם שמועס וועגן מעשר געלט (זעט אינעם הלכה־שמועס), האט „אינגערמאן“ צוגעלייגט א פסק פון זיין אייגענעם:

> ”
>
> איך האב געפרעגט אויף מקוה געלט א.ד.ג. האט מיר געפסקנט א חשובע דיין אז איך זאל בעטן די משמש זאל מיך לאזן גין אומזיסט און איך וועל איהם געבן דערפאר א נדבה פון דעם זעלבן סכום....
>
> כאפסט?!

**אינגערמאן** • הײדפארק • 20סטן יאנואר 2005

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1255217.html

---

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

א ווארט אויף „ויפגע במקום“, אן אלט ווערטל וועגן די מקלות – און א בענקל וואס האט זיך צעריסן אויף אן אדם חשוב.

## ויפגע במקום

**תורה ומדע:**

ויפגע במקום איז געווען אין הר המוריה אבער נישט אויפן פלאץ. דאס קומט מרמז צו זיין אז אין גלות קען מען זיין אין ביהמ"ק דארט ווי מען געפונט זיך כל זמן אז מען איז מכוון ליבו כנגד ירושלים.

קאווע שטיבל • „ויאהב יעקב“ • 13טן דעצעמבער 2016

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11146.html#p356928

## א רבי ביי די שקתות

**A_Jew:**

נאך א פראגע:

פארוואס האט יעקב אבינו געדארפט מפצל זיין די מקלות ביי די שקתות המים, ער האט דאך געקענט אוועקשטעלן דארט א רבי מיט א געבלומטע בעקיטשע?

זעט אויס אז ער האט נישט געטרויט דער רבי לעבן די שקתות...(אן אלט ווערטל)

**13Hooper:**

איך מיין אז פין א רבי' וואלטן די בהמות זיך נישט דערשראקן

הײדפארק • „חידת פרשת השבוע“ • 9טן דעצעמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1707738.html#p16315076

## „עלי ינוח צדיק“

**משהבערבעק:**

עס דערמאנט מיר די מעשה וואס האט א שייכות צו דער וואך פר' ויצא.
ס'איז אריינגעקומען צו איינעם אן אדם נכבד, און מען האט אים מכבד געווען צו זיצן אויף א סחורה'נע בענקל וואס האט געהאט אסאך קליינע לעכער, און דער "אדם חשוב" איז געווען (ווי געוועינדליך) אויך א "בעל בשר", און ווי ער האט זיך נאר ארויפגעזעצט האט זיך עס אויפגעריסן און ער האט זיך דערזען אויפן פלאר...
האט אים דער בעה"ב געוואלט טרייסטן האט ער אים געזאגט: ביי יעקב שטייט, "ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו" און רש"י פארציילט, "התחילו מריבות זו את זו, עלי ינוח צדיק זה את ראשו, עשאן הקב"ה לאבן אחת". דאס זאלבע ביי דיר, די "לעכער" האבן זיך ארומגעקריקט, עלי ינוח צדיק זה את ... ..., האט דער אייבירשטער געמאכט א נס... און עס איז געווארן "איין גרויסע לאך"...

הײדפארק • „געניאלע איינפאלן“ • 14טן נאוועמבער 2004
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1094355.html#p10806930

**מקורות**

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „מיט א טיפערן בליק: „צא ולמד מה בקש לבן““ · **פרישער**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „מיט א טיפערן בליק“ · 7טן נאוועמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5156.html#p161495 |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „שאלות אויף פרשת ויצא: די סימנים פון רחל, און וועמענס אויגן זענען געווען פארוויינט?“ · **קרעמער און די חברים פון דער „היימישער קרעטשמע“**<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „~~~שאלות אויף פרשת ויצא~~~“ · 4טן–11טן דעצעמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1699948.html |
| **הלכה־שמועס** | „מעשר געלט: פון חתונה־געלט, פון א שווער'ס מתנה, און פון א מי שברך“ · **jewboy, שמעק_טאביק, באראפארקער, KJAlliance** און **אנדערע**<br>היידפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · אשכול „שאלה: מעשר געלט“ · 19טן–20סטן יאנואר 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1255217.html |
| **תורה און וויסנשאפט** | „חלומות השוא ידברו“ · **נהורא נפישא**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „חלומות השוא ידברו“ · 9טן דעצעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7722.html#p240050 |
| **אנשי שם • צום יארצייט, י"ד כסלו** | „י"ד כסלו תרכ"ט: ווען בית רוזשין האט געכאפט דעם קלאפ“ · **חקרן**<br>קאווע שטיבל · אנשי שם · אשכול „רבי דוב בער פון ליעווע – וואס האט דארט פאסירט?“ · 19טן יוני 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8703-2.html#p283740 |
| **הומאר** | „ויחלום והנה סולם“ · **פליקער, ברסלבער, ציבעלע־קיגל** און **berlbalaguleh**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „ויחלום והנה סולם“ · 27סטן נאוועמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7653.html#p238020 |
| **היינט מיט 12 יאר צוריק** | „שבירת המידות“ · **ישמעאל הכהן** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 19טן נאוועמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7605.html |
| **היינט מיט 9 יאר צוריק** | „די מולד“ · **כפתור** · קאווע שטיבל · אחיעזר · 19טן נאוועמבער 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11982.html |
| **היינט מיט 13 יאר צוריק** | „וואס איז „דרוש“?“ · **רפאל** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 19טן נאוועמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5203.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **כינר1** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 30סטן נאוועמבער און 7טן דעצעמבער 2003<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p5759350 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ויפגע במקום“ · **תורה ומדע** · קאווע שטיבל · „ויאהב יעקב“ · 13טן דעצעמבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11146.html#p356928 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א רבי ביי די שקתות“ · **A_Jew / 13Hooper** · היידפארק · „חידת פרשת השבוע“ · 9טן דעצעמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1707738.html#p16315076 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„עלי ינוח צדיק““ · **משהבערבעק** · היידפארק · „געניאלע איינפאלן“ · 14טן נאוועמבער 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1094355.html#p10806930 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **אינגערמאן** · היידפארק · 20סטן יאנואר 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1255217.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 23סטן נאוועמבער – נומער 10, דער פינפטער וועלטליכער נומער. דאנערשטאג, דעם 26סטן נאוועמבער – נומער 11, אויף פרשת וישלח.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.